בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת תזריע-החודש תשע"ז　　ראש חודש ניסן　　גליון 354 [שנה ח']

**וצריך לקבלינהו בְּשִׂמְחָה**

אָדָם כִּי־יִהְיֶה בְעוֹר־בְּשָׂרוֹ וגו' וְהָיָה בְעוֹר־בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת: (י"ג ב') חז"ל זאגן: אֵין וְהָיָה אֶלָּא לשון שִׂמְחָה. דארף מען פארשטיין וואס איז שייך דא א שִׂמְחָה ביי נגע צרעת? נאר די גמ' (ברכות דף ה:) שרייבט, יסורין זענען מכפר אויף עבירות, איז אויב א מענטש באקומט צרעת ח"ו, וואס דאס קומט וועגן רעדן לשון הרע, דארף ער זיך פרייען אז ער וועט האבן כפרת עֲוֹנֹת. און נאך א ענין פון די שמחה איז לויט וואס עס שטייט אין מס' (ברכות דף ס:) "חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה", זאגט די גמ' "וצריך לקבלינהו בְּשִׂמְחָה": אויב חלילה קומט א נישט גוטע זאך, פונדעסטוועגן דארף מען דאס אנעמען מיט שמחה. (שמח זבולון)

**חברים האלטן אפ א מענטש פון זינדיגן**

וְהָיָה בְעוֹר־בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת וְהוּבָא אֶל־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן: (י"ג ב– ג) לכאורה איז שווער עס וואלט געדארפט שטיין וְיָבֹא אֶל־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן? ווייל דער מענטש דארף קומען, און נישט וְהוּבָא מען ברענגט אים? נאר מען קען ענטפערן לויט וואס דער הייליגער אהבת שלום זאגט: ווען א חסיד טוט א פגם איז דער צדיק דאס גלייך מרגיש וואס דער האט פוגם געווען ווייל די חסידים זענען א חלק פון די איברים פון צדיק, און אזוי ווי א מענטש פילט אויב ער האט באקומען א קלאפ אויף איינע פון זיינע איברים, אזוי אויך א צדיק שפירט די פגם פון א חסיד ווייל עס איז איינע פון זיינע איברים. און דאס איז מצד גודל אהבתו וקורבתו ואחדותו צו עם ישראל באמת לאמיתו. ווייל א צדיק מעסט זיך מיט זיין אהבת ישראל. דעריבער שטייט וְהוּבָא און נישט וְיָבֹא.

דאס איז אויך פשט אין פסוק נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם דעמאלטס וְהוּבָא אֶל־הַכֹּהֵן, דאס מיינט אז די הרגשה פון דעם נגע און פגם וועט דאס געברענגט ווערן צום צדיק און ער איז גלייך מרגיש די פגם, און דער צדיק קען דאס מתקן זיין. לייגט ער צו נאך אז די זעלבע איז ביי אהבת חבירים, אז א חסיד איז מחויב צו מרגיש און צו פילן וואס יענער האט געטאן, ואיש את רעהו יעזרו צו מתקן זיין יענעמ'ס פגם.

מען וואלט געקענט צולייגן א מעשה וואס איז געווען ביי א חסיד פון הייליגן רוזינער זצ"ל. עס האט אים אנגעכאפט א נסיון צו טאן א עבירה אבער ער האט געטראכט אז דער באשעפער לאזט נישט, אבער די נסיון האט געשאפט אז זיין אמונה איז געווארן אביסל שוואך, האט ער אפגעמאכט אז ער וועט עס סיי ווי טאן. האט אים אנגעכאפט א מחשבה אז זיין רבי וועט דאך זען וואס ער וועט טאן, האט ער מחליט געווען ער וועט יעצט נישט פארן צו זיין רבי און ביז ער וועט שוין יא פארן וועט זיין רבי שוין נישט זען די פגם, און ער איז גרייט צו גיין עובר זיין, אבער נאך די אלע מחשבות איז אים געקומען אין באטראכט אז זיינע חברים וועלן אבער יא מרגיש זיין אז ער האט געטאן א עבירה, האט ער אפגעמאכט ביי זיך אז ער גייט נישט טאן די עבירה ווייל ער שעמט זיך פאר זיי. און ער האט בייגעשטאנען דעם נסיון און נישט עובר געווען! ווען ער איז אנגעקומען צום הייליגן רוזינער, און דער צדיק האט דאך מרגיש געווען זיינע מחשבות, האט אים דער רבי געזאגט: וואס דער באשעפער און דיין רבי האבן נישט געקענט אויף דיר, האבן דיינע חברים – געקענט אויף דיר. (ער האט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון זיין נאנט צו חבירים וואס דאס קען אפהאלטן א מענטש פון טאן א עבירה חלילה.)

הגליון מוקדש לעי"נ אמי מורתי מרת סאשע מאטיל קליטניק ע"ה בת אברהם יעקב הלוי באכנער ע"ה, ו' ניסן תשס"ה

**פארוואס וְרָאָה און וְרָאָהוּ**

וְרָאָה הַכֹּהֵן אֶת הַנֶּגַע בְּעוֹר הַבָּשָׂר וְשֵׂעָר בַּנֶּגַע הָפַךְ | לָבָן וּמַרְאֵה הַנֶּגַע עָמֹק מֵעוֹר בְּשָׂרוֹ נֶגַע צָרַעַת הוּא וְרָאָהוּ הַכֹּהֵן וְטִמֵּא אֹתוֹ: (יג ג) דארף מען פארשטיין אז עס שטייט אין אנפאנג פסוק וְרָאָה הַכֹּהֵן אֶת הַנֶּגַע, איז פארוואס שטייט אין סוף פסוק וְרָאָהוּ הַכֹּהֵן? נאר מען קען זאגן אז עס איז דא צוויי סארטן רְאִיּוֹת פון דעם כהן, ווייל עס שטייט ווייטער וּבְיוֹם הֵרָאוֹת בּוֹ בָּשָׂר חַי יִטְמָא: (יג י"ד) און רש"י זאגט ד"ה וּבְיוֹם: מה תלמוד לומר, ללמד יש יום שאתה רואה בו ויש יום שאין אתה רואה בו, מכאן אמרו חתן נותנין לו כל שבעת ימי המשתה לו ולכסותו ולביתו, וכן ברגל נותנין לו כל ימי הרגל: דאס מיינט ביי א חתן וואס האט א נגע וואס איז טמא, זאל דער כהןווארטן צו זאגן טמא, און אים מטמא זיין ביז נאך די שבע ברכות, און אויך זאל דער כהן ווארטן ביז נאך יו"ט מטמא צו זיין. זעט מען אז נישט אלע מאל מוז דער כהן מטמא זיין א נגע אפי' ווען ער זעט בָּשָׂר חַי. דאס קען זיין די ערשטע וְרָאָה הַכֹּהֵן, אז אין אלגעמיין אויב עס איז דא בָּשָׂר חַי, איז דער כהן מטמא דעם מענטש, פונדעסטוועגן שטייט נאכאמאל וְרָאָהוּ הַכֹּהֵן, ער זאל ארום קוקן דעם מצב אויב דער מענטש איז א חתן אדער אין יו"ט, ווארט מען ביז מען איז אים מטמא. (משך חכמה)

**דער כהן טאר נישט קוקן ווער האט דער נגע**

וְהִסְגִּיר הַכֹּהֵן אֶת־הַנֶּגַע שִׁבְעַת יָמִים: (י"ג ד') פרעגן די מפרשים עס וואלט געדארפט שטיין וְהִסְגִּיר הַכֹּהֵן אֶת־הַנְּגוּעַ: וואס דאס מיינט דער מענטש וואס האט דעם נגע, ווייל מען פארשפארט נישט דעם נגע, אויב אזוי פארוואס שטייט הַנֶּגַע? נאר די תורה רעדט צום כהן אז דער כהן טאר נישט קוקן ווער עס האט א נגע. ווייל אויב דער וואס האט א נגע און ער איז זיין פריינד וועט ער טראכטן אים צו מטהר זיין! און אויב ער איז זיין שונא וועט ער טראכטן אים מטמא צו זיין! דעריבער שטייט וְהִסְגִּיר הַכֹּהֵן אֶת־הַנֶּגַע. דער כהן דארף קוקן נאר אויף די נֶגַע און נישט אויף דעם מענטש. (ספרים)

**די שערי תפילה זענען פארמאכט פאר א מצורע**

וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא: (י"ג מ"ה) וואס מיינט דא די תורה מיט די ווארט יקרא? נאר עס שטייט אין גמרא (שבת ס"ח:) יקרא מיינט רופן, דער מצורע דארף אויסרופן "איך בין טמא" דארף מען פארשטיין פארוואס דארף א מצורע אויסרופן ער איז טמא מער פון אנדערע חולים? נאר עס שטייט ביי ישמעאל: (בראשית כ"א י"ז) וַיִּשְׁמַע אֱלֹהִים אֶת־קוֹל הַנַּעַר. זאגט רש"י מכאן שתפילת חולים יפה מתפילת אחרים. דער אויבערשטער הערט זיך צו די תפילות פון א חולה מער פון די תפילות וואס אנדערע בעטן פאר אים. דעריבער זאל דער חולה מרבה זיין מיט תפילה. אבער עס שטייט אין זוהר הקדוש פארוואס הייסט דער מצורע א מוסגר [אזוי ווי די משנה (מגילה פ"א מ"ז) זאגט, מצורע מוסגר המו"ל] ווייל זיינע תפילות זענען פארשלאסן פון הימל. [א לשון סגור, פארשלאסן, המו"ל] ממילא איז גוט פארוואס דער מצורע דארף אויסרופן ער איז טמא, איי זאל ער מתפלל זיין ווייל א חולה איז די בעסטע פאר זיך צו מתפלל זיין? נאר ווייל די הימל איז פארשלאסן פאר אים דעריבער דארף ער שרייען "איך בין א מצורע" ממילא וועט ער בעטן אז אנדערע זאלן מתפלל זיין פאר אים. [און א ראיה אז יקרא איז מרומז אויף תפילה, ווייל עס שטייט אין פסוק (ישעיהו ס"ה כ"ד) וְהָיָה טֶרֶם־יִקְרָאוּ וַאֲנִי אֶעֱנֶה עוֹד הֵם מְדַבְּרִים וַאֲנִי אֶשְׁמָע: וואס יִקְרָאוּ מיינט תפילה. המו"ל] (מדרש יהונתן – אייבשיץ)

פרשת תזריע גליון 355 הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים" פרשת תזריע גליון 355

## מדור העובדות

### ****דער הייליגער ריזינער האט געזוכט א פסק דין פון סקאלא רב צו ראטאוועון א נשמה ביים בי"ד של מעלה****

דער הייליגער צדיק ר' ישראל פון רוזין האט געמוזט אוועקגיין פון רוזין קיין סאדיגורא וועגן א מסירה פון די שונאים, אבער איידער דער הייליגער ריזינער האט זיך געצויגן קיין סאדיגורא האט ער געוויילט א צייט אין די שטאט סקאלא גאליציא. איינמאל א ערב שבת א שעה פאר שבת איז דער הייליגער ריזינער געווען פאר'דביקות מיט רויכערן זיין לילקא ווען פלוצלינג דערוועקט ער זיך, און זאגט פאר זיין גבאי ער זאל שוין גיין רופן דעם גרויסן גאון ר' שלמה בן ר' יעקב דרימר זצ"ל דער רב פון סקאלא, בעל מחבר שו"ת בית שלמה.

דער גרויסער גאון האט שוין געהאט אנגעטאן בגדי שבת, אבער וועגן דרך ארץ פארן הייליגן ריזינער איז ער געגאנגען מיטן גבאי. ווען דער גאון איז אנגעקומען, איז דער ריזינער נאך געווען מיט זיין בגדי חול און געריכערט זיין לילקא. די צוויי צדיקים האבן זיך געפריידט זיך צו טרעפן, און דער סקאלא רב פרעגט דעם רבין וואס איז אזוי וויכטיג אז דער רבי האט מיר געשיקט רופן א שעה פאר שבת? דער ריזינער האט געהייסן שטעלן א בענקל פארן גאון און הייסט אים זיצן. דער ריזינער הויבט אן און זאגט איך וועל אייך דערציילן א מעשה:

אין רוסלאנד האט געוואוינט א איד א למדן און א נגיד און א גרויסער בעל צדקה, וואס האט פארדינט זיין געלט פון די מלוכה, וואס פלעגן פארקויפן אין קיעוו, פידראטן, - דאס מיינט אפקויפן די זכות צו קענען פארקויפן עסן פאר די מיליטער.- די פארדינסט פון דעם געווינער איז געווען זייער גרויס, און דער וואס האט אנגעבאט די מערגסטע געלט האט באקומען די זכות צו פארקויפן עסן פאר די מיליטער. דער נגיד האט מיט געזעמען זיין גאנצן פארמעגן און אויך האט ער זיך אנגעבארגט א פארמעגן כדי צו קענען אפקויפן דעם זכות, און ביים פארקויף האט ער ארויף געצויגן א פרייז העכער ווי די אנדערע גויאשע סוחרים און האט דאס אפגעקויפט.

דער סדר איז געווען אז מען האט געדארפט אריינצאלן א גרויסע חלק געלט ביים אפקויפן, און די איבעריגע געלט האט מען געדארפט ברענגען אין א באשטימטן טאג ביי די מלוכה אין פעטערבורג. די גוייאשע סוחרים האבן געארבעט אז דער באשטימטער טאג זאל זיין שבת, און דער געזעץ איז געווען אז אויב מען צאלט נישט אין יענעם טאג די איבעריגע געלט, פארלירט מען די געלט וואס מען האט אריינגעלייגט. דער נגיד האט נישט געכאפט וואס די גויים האבן באארבעט, און האט זיך געפריידט אז ער וועט דא שיין פארדינען, אבער ווען עס איז געקומען נאנט צו די צייט צו באצאלן איז אים געווארן פינסטער, ווען ער זעט אז דער טאג פון צאלן איז שבת!

דער נגיד איז אנגעקומען יענעם ערב שבת מיט די געלט און וויל איינצאלן אויף מארגן, זאגט מען אים אז דער געזעץ איז אז נאר אין דעם טאג קען מען צאלן און מען מוז אויך אונטערשרייבן דעם נאמען. דער איד בעט זיך ביי זיי אז מארגן איז שבת, אבער עס פאלט אויף טויבע אויערן. דער איד נעמט זיך טראכטן וואס זאל ער טאן. וועט ער ברענגען די געלט אין שבת און אונטערשרייבן וועט ער מחלל שבת זיין! וועט ער נישט גיין, וועט ער פארלירן די געלט וואס ער האט אריינגעלייגט און דאס איז געבארגטע געלט, און ער וועט דאס נישט קענען באצאלן, און אויך זיין גאנצער פארמעגן האט ער אריינגעלייגט און ער וועט יעצט זיין א עני ואביון און א בעל חוב אויך.

דער איד טראכט אזוי און אזוי, און למעשה קומט שבת אינדערפרי און ער האט זיך נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון און האט געברענגט די געלט צו די רעגירונג און האט געחתמ'ט אויף די שטרות און האט באקומען די זכות.

דער איד האט טאקע זייער מצליח געווען און האט אפגעצאלט די געלט וואס ער האט געבארגט און איז געווארן גאר א גרויסער עושר. זיין לערנען האט זיך געשטארקט און האט אויך געטיילט אסאך צדקה. אזוי האט ער זיך געפירט עטליכע יאר. דערציילט דער הייליגער ריזינער אז יעצט איז דער נגיד געשטארבן און מען איז אים דן בעולם העליון. זיין תורה און צדקה געבן האט אים געגעבן אסאך זכותים צו באקומען גן עדן, אבער דער חילול שבת וואס עס קען זיין א מזיד, דאס האלט מען אקעגן אים יעצט. דעריבער מיין טייערער רב, וויל איך אז דער רב זאל יעצט מעיין זיין אין דעם דין פון אונס פון ממון צו דאס הייסט א אונס אדער א מזיד, און אזוי ווי איר וועט פסקנען אויף די וועלט אזוי וועט מען פסקנען אויך בעולם העליון.

דער רב האט געזאגט ער וועט טאן וואס ער קען. און ער הויבט אן דורך טראכטן די ספרים פון שאלות ותשובות און ער איז מפלפל אהער און אהין א לענגערע צייט ביז ער קומט צו א פסק אז א אונס פון ממון הייסט א אונס און נישט קיין מזיד. ער האט אפגעשריבן זיין פסק און דאס געברענגט פאר דער ריזינער. דער הייליגער ריזינער האט שטארק געדאנקט דעם רב פאר זיין צייט און האט אים געזאגט יעצט קען ער שוין גיין אנטאן בגדי שבת ווייל אין הימל האט מען אנגענומען דעם פסק פון רב און וועגן דעם האבן זיי געפסק'נט און געגעבן גן עדן פארן נגיד.

א ברכת מזל טוב לנכדי ר' יעקב לעבאוויטש נ"י חתן חתני ר' חיים מאיר קעססלער נ"י, קיימישא לייק, להולדת הבת, ולהסבא הר' אליעזר דוד הלוי ראזענבערג נ"י , והר' נחום עזריאל לעבאוויטש נ"י, קיימישא לייק ולאביו הר' משה אליעזר נ"י מאנסי, והר' בנימין קעססלער נ"י מאנסי, ולאבי מורי הר' אליעזר הלוי קליטניק נ"י


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

*ספר בית אהרן דפוס ראשון בראדי תרל"ה מיט ברייטע גליונות באלאנגט צו משפחה פון הרה"ק ר' מרדכי מנאדבורנא $3000, הגדה של פסח זיטאמיר גליונות רחבות וכמו חדש $18000, ספר גנזי יוסף תלמיד המגיד דפוס ראשון, ספר אור החכמה דפוס ראשון עם חתימת החסד לאברהם ראדאמסק $18000, גמ' זיטאמיר מיט חתימת הרה"ק ר' יחיאל מקרלאווין בן הרה"ק מזינקוב וגם חתימת הרה"ק ר' נפתלי בהרה"ק מבעלזא $15000, ספר תולדות אהרן דפוס ראשון בארדיטשוב, א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה"ג ר' יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש"י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות$13000,ספרדושר לר"ת מיט חתימה הר' דניאל פרוסטין, ליקוטי הלכות ברעסלאו אורח חיים דפוס ראשון, ספר מיט חתימה פון הרה"ק ר' שמואל צבי ווייס פון מונקאטש און זיין זון דער סואלאווא רב דעם בית יצחק אויף מגילה, א תעודה וואס האט א חתימה פון הרה"צ מטאש*

זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א ספר קדושת לוי וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' שמעון קאליש מאמשינוב, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000**, א בריוו פון ר' אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו $1800, ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הרה"ג ר' אברהם פאם זצ"ל $180, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר. אויך האבן מיר א גרויסער אויסוואהל פון הגדה של פסח אסאך שאינם בנמצא.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- http://ladaat.info/gilyonot.aspx אדער אויף לדעת